ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח' | שנת תשע"א

## פרשת בלק

**מה עשיתי כי הכיתני זה שלש רגלים:** זאגט רש"י אז ער האט אים מיט דעם מרמז געווען אז ער וויל אויסרייסן א פאלק וואס האלט די דריי ימים טובים. לכאורה פארוואס האט ער אים דוקא מרמז געווען די מצוה פון שלש רגלים?

ענטפערט דער **הייליגער ווילנער גאון ז"ע** אז אין מדרש שטייט אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר בלעם, אויב דו ווערסט אויסרייסן אידישע קינדער ווער וועט האלטן די מצוות, איך האב דאך געפרעגט אלע אומות העולם אויב זיי ווילן מקבל זיין די תורה און קיינער האט עס נישט געוואלט אננעמען? האט בלעם געזאגט אז ער וועט האלטן די תורה אנשטאט די אידן.

לכאורה האט בלעם געקענט מקיים זיין אלע מצות, אויסער עלי' לרגל, ווייל ער איז געווען א הינקענדיגער, און די גמרא אין חגיגה (דף ד) לערנט ארויס אז א חיגר איז פטור פון מצות עליה לרגל.

דאס האט אים דער אייבערשטער געזאגט מילא די גאנצע תורה קענסטו מקיים זיין, אבער ווי אזוי **אתה מבקש לעקור אומה החוגגת שלש רגלים בשנה**, וואס דאס קענסטו נישט מקיים זיין, ממילא דארף כלל ישראל בלייבן אויף אייביג.

*

**מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל:** די גמרא זאגט אין סנהדרין (דף ק"ה) אז פון די ברכות פון בלעם קען מען זעהן וואס ער האט זיי געוואלט שעלטן, לכאורה וואו זעהט מען ביי די ברכות וואס ער האט געוואלט שעלטן?

זאגט דער **הייליגער בעל שם טוב ז"ע** אז די גמרא זאגט אין מס' פסחים (דף פ"ח) אז ווען דער אייבערשטער וועט צוריק אויפבויען דעם ביהמ"ק וועט עס נישט הייסן ווי אברהם אבינו וואס האט עס גערופן **הר**, און נישט ווי יצחק וואס האט דאס גערופן **שדה**, נאר ווי יעקב וואס האט דאס גערופן **בית**.

דער פשט דערפון איז, אז אויף דעם וואס אברהם האט דאס גערופן **הר**, שטייט א פסוק אין איכה **על הר ציון ששמם**, אויפן נאמען **שדה** שטייט אין מיכה **ציון שדה תחרש**, קומט אויס אז אויף די צווי נעמען האט חל געווען דער חורבן. אבער דער ביהמ"ק וועט געבויעט ווערן אלס **בית**, און דאס וועט שוין קיינמאל נישט חרוב ווערן.

איי פארוואס איז דאס נישט פון אנהויב געבויעט געווארן בזכות יעקב, און אזוי וואלט דאס קיינמאל נישט חרוב געווארן?

נאר דער **מדרש איכה** זאגט אז ביים חורבן ביהמ"ק זענען באמת די אידן געווען מחויב מיתה, און דער אייבערשטער האט אויסגעגאסן זיין צארן אויף די עצים ואבנים, קומט אויס אז ווען דער ביהמ"ק ווערט מתחילה געבויעט בזכות יעקב, וואלט דאס נישט געקענט חרוב ווערן, וואלט דער חרון אף ווען געגאנגען אויף אידישע קינדער, קומט אויס אז דאס וואס די ערשטע ביהמ"ק איז נישט געבויעט אויף נאמען פון יעקב דאס איז געווען די הצלה.

דאס האט בלעם געזאגט **מה טובו אוהליך יעקב**, ווי גוט איז אז דער ביהמ"ק זאל געבויעט בזכות יעקב, **משכנותיך ישראל**, ווייל דעמאלטס וואלטן ווען אידישע קינדער אליינס געווען דער משכן פאר זייערע עבירות, און זיי וואלטן ווען געדארפט שטארבן. און דאס איז געווען די שלעכטע קללה וואס איז געלעגן באהאלטן אונטער זיין ברכה.

*

**וירא את ישראל שוכן לשבטיו:** זאגט רש"י אז ער האט געזעהן די שיינקייט פון כלל ישראל **שאין פתחיהן מכוונין זה כנגד זה**, לכאורה פארוואס האט דוקא דאס געברענגט אז ער זאל נישט ווילן שעלטן די אידן?

זאגט דער **הייליגער רבי ר' ברוכ'ל מעזשיבושער ז"ע** ווייל חז"ל זאגן אין מדרש אז דער אייבערשטער זאגט פאר אידן **פתחו לי פתח כחודו של מחט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם**, דאס מיינט אז ווען א איד ווייזט נאר א סימן אז ער וויל תשובה טון העלפט אים דער אייבערשטער, און ער עפענט אים א גרויסע טיר און ער ווייזט אים אז זיין תשובה ווערט אנגענומען, און ער איז אים מקרב תחת כנפי השכינה.

דאס זאגט רש"י אז ער האט געזעהן **שאין פתחיהם מכוונין זו כנגד זו**, אז די טירן צווישן אידן און אייבערשטן זענען נישט אייניג, אפילו ווען אידן עפענען א קליינע טיר עפענט דער אייבערשטער א גרויסע טיר זיי מקרב זיין תחת כנפיו, האט ער פארשטאנען אז דער אייבערשטער האט זייער ליב די אידן און ער וועט זיי נישט קענען שעלטן.

### הן עם כלביא יקום

דער הייליגער **ייטב לב** זי"ע זאגט אויפן פסוק **הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא, לא ישכב עד יאכל טרף**, און רש"י הק' איז מסביר אז דאס גייט ארויף אויף קריאת שמע וואס אידישע קינדער לייענען ביינאכט און צופרי. לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס זאגט דער פסוק קודם די קריאת שמע פון צופרי און נאכדעם ביינאכט, אין פסוק שטייט דאך קודם **בשכבך** און נאכדעם **ובקומך**?

זאגט דער **ייטב לב** ווייל עס איז דא א סגולה אויב מ'וויל אויפשטיין אינדערפרי באצייטענס זאל מען לייענען קריאת שמע מיט כוונה און בעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל קענען אויפשטיין צייטליך, דעמאלטס העלפט דער אייבערשטער און ער גיט אים צוריק דעם פקדון אין די באשטימטע צייט ווען ער וויל דאס צוריק באקומען.

דאס זאגט דער פסוק **כלביא יקום**, ווי אזוי שטייט ער טאקע אויף אין די צייט? ווייל **לא ישכב עד יאכל טרף**, ער גייט שלאפן נאכן לייענען ערליך קריאת שמע, און דאס העלפט אים אויפצושטיין.

# אוצר הידיעות

## בלעם הרשע

מיר לערנען די וואך אין די סדרה ווי אזוי **בלעם הרשע** האט פרובירט אויף אלע אופנים צו שעלטן די אידן, אבער דער אייבערשטער האט אים נישט געלאזט שעלטן, און זיינע קללות זענען געווארן ברכות.

עס אינטערעסאנט צו צוצייכענען די ווערטער פונעם **תרגום יונתן** אז **בלעם הרשע** איז געווען **לבן הארמי** וואס האט געוואלט אויסרייסן דעם כלל ישראל, **בלעם** איז א לשון פון איינשלונגען, ווייל ער האט באגערט איינצושלונגען אידישע קינדער, **בן בעור**, מיינט אז ער איז געווען א **איש בער לא ידע**, א גרויסער נער, ווייל ער האט נישט קיין רחמנות געהאט אויף אידישע קינדער וואס זענען געווען זיינע אייגענע אייניקלעך, די קינדער פון זיינע טעכטער. **פתורה** מיינט די שטאט פדן ארם וואו ער האט געוואוינט, עס ווערט אויך אנגערופן **פתורה**, ווייל ער פלעגט פותר חלום זיין פאר מענטשן.

ווייטער זאגט דער **תרגום יונתן** אז דאס איז געווען דער ענין וואס דער מלאך האט אים צוגעדרוקט די פיס צו דער וואנט בשעת ווען ער האט געוואלט אריבערגיין **במשעול הכרמים**, ווייל **לבן** האט דאך געמאכט א בונד מיט יעקב אבינו אז ער וועט נישט אריבערגיין דעם גלעד צו טשעפענען מיט זיינע קינדער, און יעצט איז דער **לבן–בלעם** אליינס געקומען עובר זיין אויף זיין שבועה, וועגן דעם האט ער אים צוריק געהאלטן אז ער זאל נישט קענען אריבערגיין שעלטן די אידן.

אין ספר מושב זקנים מבעלי התוספות שטייט אזוי: **רבינו שלמה ב"ר אברהם** האט געמאכט א כלל, יעדע פלאץ אין די תורה ווי עס שטייט 'עד' ביי א ברית טוט דער עד מעניש זיין דעם וואס איז עובר אויף דעם ברית, און ער ברענגט ראיות אויף זיינע ווערטער. איז אים שווער געווען א קשיא, ווייל די גמרא זאגט אין סנהדרין (דף ק"ה) אז **לבן** איז **בלעם**, און וואו זעהט מען אז זיין עדות האט אים מעניש געווען?

"**ומאד הוקשה בעיניו ונצטער בה עד שהראהו בחלום**" האט מען אים געוויזן א ספר קטן ווי עס שטייט אז יעקב אבינו האט אריינגעשטעקט א שווערד אינעם גל, וואס דאס זאל נקמה נעמען אין ווער עס צושטערט דעם ברית, און **בלעמ'ס** פיס איז צוגעדרוקט געווארן צום וואנט פון יענעם **גלע"ד**, און מיטן שווערד וואס איז דארט אריינגעשטעקט געווארן האבן אים די אידן שפעטער גע'הרג'עט, ווי עס שטייט **ואת בלעם בן בעור הרגו בחרב**, און דאס זאגט רש"י אויפן פסוק **גדר מזה וגדר מזה** סתם גדר של אבנים היה, וואס דא ליגט דער רמז אויף די **אבנים** וואס יעקב אבינו האט געהייסן זיינע קינדער **לקטו אבנים**, און מ'זאל מאכן דעם גלעד.

# אוצר רבותינו

## גם בלעם ברך את ישראל...

פעם אחת נכנס איש עני אל **הרה"ק רבי איציקל דראביטשער זי"ע**, ובכה לפניו שזה הרבה שנים שהוא שוכר הרחיים אצל הפריץ, ויש לו מזה פרנסה בדוחק, ועכשיו בא יהודי אחר ורוצה להשיג גבולו ולשכור הרחיים במקומו.

כאשר הצדיק שמע הדבר מיד עבר לבית אותו היהודי, ואמר לו דברי מוסר ותוכחה על הדבר הזה, והסביר לו שזה איסור גדול מאד. אבל הלה היה עושר גדול ומחוצף, ולא רצה לשמוע לדברי הצדיק, ולכן אמר תירוצים שונים ומשונים, ובעיקר טען שהוא עושה זאת לפי בקשת הפריץ ואינו יכול לסרב לבקשתו.

אמר לו הרבי "תדע, שהשי"ת הוא גדול יותר מן הפריץ, ואתה צריך לפחד מלעשות דבר כזה נגד רצון ה', מלעבור על רצונו של הפריץ שהוא בשר ודם".

אבל העושר לא רצה לציית לדברי הרבי, והוא שכר הרחיים מן הפריץ, ובזה לקח פרנסתו של השוכר הקודם, שנשאר בלי פרנסה, ובלי פיסת לחם ליתן לפי ילדיו.

לא עברה זמן רב והעושר נחלה מאד, הוא נעשה משותק ל"ע על חצי גופו, והוא נשאר רתוק למיטתו כל הזמן.

היהודי העני הלך לפי עצת הרבי והעתיק דירתו לעיר הקרובה, ושם היו יהודים טובים אשר רחמו עליו ועזרו לו להסתדר על צד היותר טוב, הוא פתח בית מסחר והצליח מאד, הוא שכר מלמד שילמד תורה עם בניו, וגם הם ראו ברכה בלימודם, ונתעלו מאד בתורה וביראת שמים.

כאשר העושר החולה שמע שהעני הצליח במסחרו, וגם מצליח לראות רב נחת אצל צאצאיו, בזמן שהוא חולה ואין לו טעם בחייו, הבין שכל זה באה לו מחמת שהתחצף נגד הרה"ק רבי איציקל דראביטשער, לכן קרא את בנו שילך לומר להרבי שיש לו טענה, שכל העשירות של העני הוא רק בעבורו, כי אלמלי הוא נשאר עם הרחיים הי' נשאר עני כמו עד עכשיו, וגם צאצאיו לא הצליחו בלימודם, משא"כ ע"י שהוא לקח פרנסתו עי"ז היה לא האפשריות להצליח.

כאשר שמע הרבי הטענה נענה ואמר "גם בלעם הרשע רצה לקלל את ישראל, ויצא מפיו רק ברכות, כי זה היה רצון ה', וכי תימא שגם לבלעם מגיע יישר כח על זה שהוא בירך את בני ישראל?! לך אמור לאביך, שאחרי שהשי"ת כבר הראה לו שהוא יותר חזק מהפריץ כבר הגיע הזמן שיתחיל לירא מאת השי"ת".

# יגעת ומצאת

די וואך וועלן מיר אי"ה ממשיך זיין צו לערנען די "יגעת ומצאת" פארשידענע אינטערעסאנטע ידיעות איבער משניות:

**ווער האט מסדר געווען די משניות** (ב"מ דף ל"ג ע"ב רש"י)**? פארוואס האט ער איינגעזעהן אראפ צו שרייבן די משניות** (כנ"ל)**? ווי אזוי האט ער דאס מסדר געווען?** (כנ"ל) **איז די הלכות פון די משנה פון רבי אדער פון די פריערדיגע תנאים פון זמן ביהמ"ק?** (כנ"ל) **וואס מיינט א סתם משנה אן א נאמען?** (כנ"ל) **ווער איז דער בעל המימרא פון א סתם משנה** (סנהדרין פ"ו ע"א) **אויב איז אמת אז די משניות זענען נאך פון די ערשטע תנאים פון בזמן ביהמ"ק ווי אזוי קען זיין א סתם משנה איז ר' מאיר און עפ"י רוב ווערט נאר דערמאנט די שפעטערדיגע תנאים פון נאכן חורבן** (איגרת רב שרירא גאון פ"ד) **פארוואס הייסט עס משנה?** (קיצור כללי המשנה סוף מס' ברכות דף מ"ג ע"ב) **פארוואס הייסן די בעלי משנה תנאים, די בעלי גמרא אמוראים?** (כנ"ל) **פארוואס טרעפן מיר חכמים וואס האבן נישט קיין טיטול פאר זייער נאמען, למשל, שמאי, הלל, שמעי' ואבטליון** (רמב"ם בהקדמה לפיהמ"ש פ"ז) **וועלכע חכמים האבן זוכה געווען צום טיטול רבן** (ערוך ערך אביי) **און וועלכע צום טיטול רבי'** (כריתות ח"ד ש"ג כלל ע"ב) **פארוואס, און וועלכע צום טיטול רב, וואס איז דער באדייט פונעם טיטול גאו"ן** (חיד"א שם הגדולים מערכת אדלים אות א' סי' קמ"ה)

❀ ❀ ❀

## תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' חקת

א. הטעם דאמרינן וכן שני כתובים הוא כיון שכשיש סתירות המקראות אין אתה יכול לדרוש בעצמך עד שיבא הכתוב השלישי, משא"כ אצל כל הי"ב מידות מהברייתא שפיר יכולין לדרוש מעצמו, ממילא נמצא שהמדה הי"ג שונה מכל המידות שנפרטו עד כאן, ומה"ט אמרינן 'וכן' שזה קצת דומה לזה, כי אי אפשר לדרוש זאת מעצמינו רק כשיבא הכתוב השלישי ויכריע.

ולהגירסא 'וכאן' יש ב' תירוצים א) כי ברייתא דר"י הוא בתו"כ, ולמדנו ברש"י ר"פ ויקרא סתירת המקראות מהיכן יצא הקול שדיבר למשרע"ה, או מהק"ק או מהיכל, ובא הכתוב השלישי והכריע ביניהם, וז"ש 'וכאן' היינו בתו"כ יש לנו דוגמא מזה. ב) מתרץ הרה"ק מזידיטשוב שהי"ג מידות הם נגד י"ג מידות של רחמים, וזה נגד ונקה, שיש בזה סתירת המקראות ונקה לא ינקה, עד שבא הכ' השלישי מנקה לשבים ואינו מנקה לשאינו שבים.

ב. בהש' על התפילין יש ג' קוין בהש' ויש ד', עפ"י הסמ"ג כי צריך כמו בלוחות, שיהיה צורת השי"ן בחקיקה ולא בהבליטה.

ג. הסימנים השחורות על הטלית, כ' הפרמ"ג שזה זכר לתכלת. רש"י בפר' שלח פתיל תכלת, שתכלת דומה לרקיע המשחי"ר לעת ערב, מה"ט עושים זאת באופן שחור.

ד. ברכהמ"ז נתקן: ברכה ראשונה ע"י משה רבינו כאשר המטיר המן. ברכה ב' ע"י יהושע בן נון כשנכנסו לאר"י, ברכה ג' דוד המלך, ברכה ד' חכמי יבנה כשהיתרו לקבור הרוגי ביתר.

ה. חמשה א' זא"ז בתפילה, אמר איוב ארדוף אשיג אחלק: אפסי ארץ אמת אשרי איש.

ו. בשמו"ע יש ף' א' באלקי נצור, תרדוף נפשי.